# תזריע ג

א. פון פסוק [1] „כל ימי אשר הנגע בו יטמא גו' בדד ישב מחוץ למחנה מושבו", לערנט מען אָפּ [2], אַז אויך דער „מושב", וואו דער מצורע געפינט זיך איז טמא.

ווען אַ מצורע גייט אַריין לבית חבירו — זאָגט די משנה [3]: „כלים מיד טמאין ר' יהודה אומר אם שהה כדי הדלקת הנר". זיינען מפרשים [4] מסביר דעת ר' יהודה, אַז ער רעדט אין אַ פאַל ווען דער מצורע איז אַריין לבית חבירו אָן רשות [5]

— וואָרום ווען ער גייט אַריין צו אים מיט רשות (פונעם בעה"ב) איז אויך ר' יהודה מודה אַז יענעמס בית ווערט „מושבו" מיד (ובמילא „מיד טמאים") —

דעריבער גיט מען צייט („כדי הדלקת הנר") אַז דער בעה"ב זאָל דערווייל קענען אַרויסשיקן דעם מצורע פון שטוב; אויב אָבער ער פאַרזאַמט זיך דאָרט ביז דעם שיעור „ולא אפקי'", ווערט עס דאַן דער „מושב" פון מצורע (ווייל דאָס הייסט אַז ער איז דאָרט מיט דעם רשות פון בעה"ב) און די כלים שבבית ווערן טמא.

און דער טעם פאַרוואָס מ'גיט אים דעם שיעור זמן „כדי הדלקת הנר" — ווייל עס קען זיין אַז דער בעה"ב איז טרוד אין הדלקת הנר און צוליב דעם שיקט ער ניט אַרויס דעם מצורע פון בית (און דער מצורע געפינט זיך דאָרט שלא ברשותו) און דערפאַר וואַרט מען ביזן שיעור פון „כדי הדלקת הנר".

ב. אין תורה איז דאָך אַלץ בתכלית הדיוק. און דערפון וואָס פון צווישן פאַרשידענע זאַכן מיט וועלכע אַ בעה"ב קען זיין טרוד, קלייבט אויס די משנה דוקא די טרדא פון „הדלקת הנר"

— ובפרט אַז דאָ ווערט ניט געמיינט הדלקת הנר בפועל, ווי ס'איז מפורש אין פירוש הרא"ש „ופעמים שאדם טרוד בהדלקת הנר או בתשמיש אחר"; נאָכמער: די צייט פון הדלקת הנר איז שכיח נאָר ווען ס'איז פינסטער, און דער שיעור „כדי הדלקת הנר" איז אויך ווען אַ מצורע גייט אַריין בבית חבירו בייטאָג (ווי מפרשים [6] זאָגן צוליבן טעם פון „לא פלוג") —

איז דערפון מובן, אַז עס איז פאַראַן אַ שייכות צווישן דעם ענין פון „הדלקת הנר" מיט דעם וואָס די משנה זאָגט דאָ, אַז ביז דעם שיעור ווערן די כלים שבבית ניט טמא.

איז מבאר דערויף דער טאַטע אין זיינע הערות [7] אויף דער משנה הנ"ל: „בית" איז ספירת המלכות, און סיבת טומאת מצורע איז „מצד הסתלקות אור החכמה" [וואָס דערפאַר איז מצורע חשוב כמת [8], ווייל „החכמה [9] תחי'"] [10].

1) פרשתנו יג, מו.

2) תו"כ עה"פ. רמב"ם הל' טומאת צרעת ספי"ג.

3) נגעים פי"ג מי"א. — ברע"ב מפרש דהמשנה איירי „כשנכנס עמהן לבית המנוגע". וראה תוי"ט ומלאכת שלמה.

4) ר"ש, פי' הרא"ש ורע"ב.

5) כמ"ש בתוספתא נגעים פ"ז, יא — הובא בר"ש ורא"ש שם.

6) תוי"ט.

7) תורת לוי"צ ע' שנח ואילך.

8) נדרים סד, ב. וש"נ.

9) קהלת ז, יב.

10) ע"ח של"ח פ"ז. הובא בלקו"ת פרשתנו כג, ב. ר"פ מצורע *.

*) בלקו"ת שם: של"ז (ע"פ דפוס שקלאב, תק"ס).

און דעריבער, כל זמן דער בעה״ב איז טרוד מיט הדלקת הנר — וואס „הדלקת הנר הוא המשכת אור החכמה" — דערלאזט עס ניט אז די טומאת המצורע זאל זיך מתפשט זיין אין בית[11]. און ע״ד ווי טהרת המצורע איז דורך א כהן דוקא — „והובא אל הכהן ויצא הכהן גו׳"[12] — ווייל א כהן איז דער וואס איז ממשיך דעם אור החכמה, כמבואר אין לקו״ת[13].

ג. אויף דעם וואס דער מצורע איז מטמא דוקא נאכן שיעור „כדי הדלקת הנר" שטעלט זיך די שאלה: אפי׳ אויב דער בעה״ב איז פארנומען אין הדלקת הנר, איז די טרדא ניט אזוי גרויס אז ער זאל בשעת מעשה גופא ניט קענען הייסן דעם מצורע ארויסגיין פון זיין בית?

און מ׳פארענטפערט[14], אז דער שיעור „כדי הדלקת הנר" רעדט וועגן „הדלקת הנר דבי שמשי"[15] — הדלקת נרות שבת קודש — און דערפאר קען ער ניט מפסיק זיין אויף צו הייסן דעם מצורע ארויסגיין פון שטוב; און וויבאלד אז ביי „בי שמשי" פאדערט זיך דער שיעור, איז אויך ביי די אנדערע טעג פון וואך נקבע געווארן דער שיעור „כדי הדלקת הנר" מצד „לא פלוג".

און לויט ווי דער טאטע איז אין דעם מבאר — אז דער טעם השיעור פון „כדי הדלקת הנר" איז ווייל „הדלקת הנר" דערלאזט ניט די טומאת המצורע — דארף אויסקומען, אז דער כח אויף ניט דערלאזן טומאת מצורע איז בעיקר מצד „הדלקת הנר דבי שמשי", וויבאלד אז דער עיקר־שיעור נעמט זיך פון דער הדלקה.

דער ביאור אין דעם: די משנה רעדט ניט וועגן טומאת המצורע פאר זיך, נאר וועגן דער טומאת המצורע וואס ווערט נתפשט אין בית — און דעריבער איז דאס בעיקר פארבונדן מיט הדלקת נרות „דבי שמשי", היות אז די נרות שבת קודש טיילן זיך אויס פון אנדערע נרות דערמיט וואס ענינם איז — שלום בית[16]: זיי באלייכטן דעם בית „שלא יכשל בעץ או באבן"[17], זיי פארהיטן אז אין בית זאלן ניט זיין קיינע מאורעות בלתי רצויים. און דעריבער טוען אויך די נרות אין בית אויך דאס אז די טומאה זאל ניט נתפשט ווערן אין בית.

ד. מען קען אבער אין דעם פרעגן: דער שלום בית על ידי נר שבת ווערט אויפגעטאן דורך דער גשמיות׳דיקער ליכטיקייט — ולכאורה יעדער אנגעצונדענער נר, אויך ווען ער איז ניט קיין נר מצוה באלייכט דעם בית „שלא יכשל בעץ או באבן" און ברענגט דורך דעם צו שלום בית — היינט אין וואס באשטייט דער יתרון פון „הדה״נ דבי שמשי", וואס דוקא די הדלקה ווערט דער עיקר אין ניט דערלאזן אז אין בית זאל זיין (היפך השלום — און דערפאר אויך ניט) התפשטות הטומאה?

— איז אבער דער אמת ניט אזוי: סתם ליכטיקייט, ניט זייענדיק פארבונדן מיט

11) אף שאין הלכה כר״י — הרי אלו ואלו דא״ח (עירובין יג, ב. וש״נ). וראה לקוטי לוי״צ אגרות ע׳ שה.

12) ר״פ מצורע.

13) דלעיל הערה 10. הובא בתולוי״צ שם.

14) הובא בתפא״י.

15) לשון הר״ש (ועד״ז ברע״ב) — אלא שמוסיף (ועד״ז ברע״ב) „או דשאר ימות החול". ובהון עשיר: הדלקת הנר בה״א הידיעה נראה דאנר של שבת קאי כו׳.

16) שבת כג, ב. רמב״ם סוף הל׳ חנוכה. טושו״ע או״ח סרס״ג ס״ג. שו״ע אדה״ז שם בריש הסימן.

17) מג״א שם סקי״ג־יד (ממרדכי שבת פ״ב סרצ״ד). שו״ע אדה״ז שם.

„נר מצוה" [18], איז ניט (תמיד) זיכער אַז דאָס וועט זיין אַ סיבה צו שלום: עס קען אַמאָל זיין להיפך: אין דער ליכטיקייט דערזעט מען אַמאָל אַ מענטשן (אָדער אַ תנועה און אַ שטריך אין אַ מענטשן) וואָס מ'קען ניט פאַרליידן, אַזוי אַז די ליכטיקייט קען גאָר אַרויסרופן דעם היפך פון שלום.

דוקא די אמת'ע ליכטיקייט, די ליכט פון „נר מצוה ותורה אור" [18], וואָס „כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" [19] — איז זי די אמת'ע און זיכערע סיבה וואָס ברענגט צו (אחדות און) שלום, שלום בית.

ה. דאָס אַלץ איז אַ הסבר אויף דער שייכות פון נרות שבת קודש מיט דעם ענין פון ניט דערלאָזן התפשטות פון יעדער טומאה אין בית. פון דעם אָבער וואָס דער שיעור „כדי הדלקת הנר" ווערט געבראַכט לגבי טומאת מצורע, איז פאַרשטאַנדיק, אַז פאַרהיטונג פון דער טומאה חמורה האָט אַ שייכות מיוחדת מיט נרות שבת קודש.

בפשטות קען מען זאָגן: איינע פון די סיבות פון צרעת איז לשון הרע [20], אַן ענין פון פירוד הלבבות, דערפאַר איז תיקונו דוקא דורך נרות שבת קודש וואָס ענינם איז שלום בית, כנ"ל.

דער ביאור בפנימיות הענינים, וועט מען פאַרשטיין בהקדים דאָס וואָס חז"ל [21] זאָגן: „הרגיל בנר הויין לי' בנים תלמידי חכמים". טייטשט רש"י: „דכתיב [18] כי נר מצוה ותורה אור על ידי נר מצוה דשבת וחנוכה בא אור דתורה". פון דעם איז מובן, אַז כאָטש „נר מצוה" מיינט יעדער מצוה — ווייל דורך יעדער מצוה וואָס אַ איד טוט ווערט ליכטיק ביי אים און אין דער וועלט אַרום אים — פונדעסטוועגן איז אין דעם פרט פאַראַן אַ יתרון אין די מצוות וואָס זיינען אויך אין גשמיות פאַרבונדן מיט אַ נר, וואָרום אין זיי דריקט זיך מער אויס דער ענין פון „נר מצוה":

ביי אַנדערע מצוות, וויבאַלד דער „נר מצוה" איז בלויז אַ רוחניות'דיקע ליכטי־קייט, האָט עס ניט קיין ווירקונג בגלוי אויף דער גשמיות פון וועלט; משא"כ ביי די מצוות, וויבאַלד זייער „נר מצוה" איז פאַרבונדן מיט אַן אור פון אַ נר גשמי, דעריבער איז די פעולה פון דער רוחניות'דיקער ליכטיקייט („נר מצוה") אין אַן אופן אַז זי קומט בגילוי אין גשמיות העולם.

ו. דערמיט וועט זיין פאַרשטאַנדיק וואָס די גמרא [22] זאָגט וועגן דעם נר מערבי אין ביהמ"ק — „עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל" (מצד דעם נס וואָס איז געשען ביים נר מערבי — „ממנה הי' מדליק ובה הי' מסיים").

לכאו' איז ניט פאַרשטאַנדיק: אין ביהמ"ק זיינען דאָך געשען אַ סאַך נסים, ווי די משנה [23] זאָגט „עשרה נסים נעשו לאבותינו בבית המקדש", היינט פאַר־וואָס איז דער נס פון נר מערבי אויסגע־טיילט פון אַלע נסים וואָס דוקא ער איז געוועזן אַן עדות „שהשכינה שורה בישראל"?

---

18) משלי ו, כג.

19) רמב"ם שם. וראה לקו"ש ח"ח ס"ע 349 ואילך.

20) ערכין טז, א. רש"י כאן. מצורע יד, ד.

21) שבת שם.

22) שבת כב, ב. ובמנחות פו, ב: לכל באי עולם.

23) אבות פ"ה מ"ה.

נאכמער: דער מקום המנורה איז אין היכל, און דארט גופא — ניט אין אולם, נאר — אין דעם ארט וואס הייסט „קודש" [24], וואו ניט יעדער האט געקענט אריינגיין; דאקעגן פון די „עשרה נסים" זיינען געווען א טייל און שטענדיג „בעזרה" [און צווישן זיי אויך אזעלכע וואס האבן פאסירט אין ירושלים מחוץ לעזרה] און אזוי ארום זיינען זיי געווען מער „ידועים לכל" [25] — הייגט ווי זאגט מען אז דוקא דער נס פון נר מערבי וואס איז געווען „בתוך הקודש" האט עדות געזאגט „לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל"?

איז דער ביאור אין דעם, כנ"ל: וויבאלד די ג־טליכע ליכטיקייט פון דעם נר מערבי איז אראפגעקומען אויך אין גשמיות'דיקער ליכטיקייט, האט זי דעריבער געהאט א שטארקערע ווירקונג אין באלייכטען די גשמיות־דיקע וועלט ווי עס האבן געהאט די אנדערע ענינים (און נסים) אין ביהמ"ק. און דערפאר האט דוקא דער נס באאייג־פלוסט („עדות") די „באי עולם" זיי זאלן אנערקענען שהשכינה שורה בישראל.

און עפי"ז איז אויך מובן, אז עס איז פאראן א מעלה מיוחדת אין נרות שבת קודש:

אויף גאנץ תורה זאגט מען [19] „כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" — אז דורך „כל התורה" ווערט אויפ־געטאן „שלום בעולם", אבער דאס איז (בעיקר) א שלום ברוחניות; משא"כ ביי נרות שבת קודש, וואו דער שלום וואס ווערט דורך זיי אויפגעטאן זאגט זיך ארויס (אויך) אין שלום בית כפשוטו — איז דאס גופא א באוויז, אז ביי דער מצוה איז דער „שלום בעולם" מיט מער תוקף. [ולהעיר אז דער מאמר „כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" ווערט געבראכט אין רמב"ם [26] בהמשך צום ענין פון שלום בית וואס ווערט אויפגעטאן דורך נרות שבת].

ז. די הסברה אין דעם:

איינער פון די פירושים אין „כל התורה ניתנה לעשות שלום בעולם" איז: די אמת'ע מציאות פון וועלט איז — ג־טליכקייט. ווי דער אלטער רבי איז מבאר באריכות אין תניא [27], אז דאס וואס די וועלט האט א קיום איז עס דורך דעם וואס דער אויבערשטער באשאפט זי שטענדיק בכל רגע ורגע מאין ליש.

נאר היות אז דער כח אלקי ווירקט אין וועלט אין א פארבארגענעם אופן, דערפאר זעט זיך אן די וועלט ווי א מציאות פאר זיך, ביז מען קען מיינען אז „בירה זו בלא מנהיג" [28] ח"ו.

און אין דעם באשטייט דער אויפטו און תכלית פון „נר מצוה ותורה אור", אז דורך דעם וואס מען לערנט תורה און מען איז מקיים מצוות, ווערט באלויכטן די מציאות פון וועלט — אין דער דוגמא פון „הציץ עליו בעל הבירה" [28] — און מען דערזעט דעם אמת, אז יש מנהיג לבירה זו, ביז מען דערזעט אז „אין עוד מלבדו".

און דאס איז דער דיוק פון „התורה ניתנה לעשות שלום בעולם": דאס וואס תורה איז „ניתנה" [29], זי איז געגעבן

---

24) רמב"ם הל' ביהב"ח פ"א הי"ז.

25) יומא כא, סע"א. רש"י שם.

26) בסיום וחותם הל' (נר) חנוכה ברמב"ם שם. נת' בלקו"ש חט"ו ע' 376 ואילך.

27) שער היחוד והאמונה פ"א ואילך. אגה"ק סכ"ה.

28) לשון המדרש — ב"ר רפל"ט.

29) ראה לקו"ש שם ע' 351.

געוואָרן (דאָ למטה אין עוה״ז), איז עס בכדי „לעשות שלום בעולם" — דורך מאַכן שלום צווישן דעם עולם מיטן אויבערשטן; מ׳זאָל דערזעהן ווי עולם איז ניט מנגד צו אלקות, און נאָך מער — זיין תכלית איז צו זיין אַ דירה לו ית׳ דורך דער תורה ועבודה פון אידן.

ח. דערמיט איז מובן אַז אין דעם באַשטייט אויך די מעלה מיוחדת פון נרות שבת קודש — וואָס ביי זיי איז דער ענין פון „שלום בעולם" מיט מער תוקף (כנ״ל ס״ו) — אַז דער ענין פון „שלום בעולם", דערזעהן אַז די אמיתית המציאות פון וועלט איז אלקות, ווערט דורך נרות ש״ק אויפגעטאָן נאָכמער ווי דורך אַנדערע מצוות [ווי עס שטייט אין זהר[30]: „כי נר מצוה, מאי נר מצוה דא . . נר דשבת"; אין נרות שבת קודש איז דער ענין פון „נר מצוה" — באַלייכטן די וועלט — מיט מער תוקף לגבי אַנדערע מצוות, אפילו די וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ נר גשמי].

וי״ל, אַז דאָס איז דער טעם פנימי וואָס ביים ענין פון „שלום בית", וואָס נר שבת טוט אויף, שטייט[17] דער לשון „שלא יכשל בעץ או באבן". וואָס איז דער דיוק „עץ" או „אבן"? — נאָר דער־מיט איז מען מרמז צום פסוק[31] „אומרים לעץ אבי אתה ולאבן את ילדתני", אַז פון דעם עץ או אבן ווערט געמאַכט אַן עבודה זרה רח״ל. און דאָס איז דער אויפטו פון נרות שבת קודש — „שלא יכשל בעץ או באבן": די מציאות פון עץ און אבן מצד עצמם (איידער זיי ווערן באַלויכטן דורך נרות שבת) קען אַמאָל מכשיל זיין ח״ו מען זאָל מיינען אַז זיי (דער עץ או אבן) האָבן ח״ו אַן אייגענע מציאות, אַן אייגענעם כח, ביז צו אָנרופן דעם עץ — „אבי", און דעם אבן — „את ילדתני" (אַ מציאות פון ע״ז רח״ל);

דורך דער ליכטיקייט פון נרות שבת קודש, וואָס זייער „נר מצוה" און (פעולה פון) „שלום בעולם" ווירקן באופן גלוי אויף גשמיות העולם, ווערט באַוואָרנט „שלא יכשל בעץ או באבן", וואָרום דורך זיי דערזעט מען אַז דער עץ און אבן (ווי יעדער מציאות שבעולם) ווערט אָנגעפירט פון דעם בעל הבירה און אַז זיי גופא דאַרפן אויסגענוצט ווערן אויף ענינים פון קדושה.

ט. ע״פ כהנ״ל איז אויך מובן דער קשר מיוחד צווישן די טהרה פון טומאת מצורע און נרות שבת קודש:

טומאת מצורע איז דאָך פון די טומאות הכי חמורות, וואָס דערפאַר איז ביי אַ מצורע דער דין „בדד ישב מחוץ למחנה מושבו": ער ווערט אַרויס־געשיקט מחוץ לג׳ מחנות[32], און אין דעם גופא — „בדד ישב", שלא יהו טמאין אחרין יושבין עמו[32*] — דער אָרט פון אַ מצורע איז אפי׳ מחוץ למחנה פון אַנדערע טמאים, ד. ה. ער איז אינגאַנצן אַרויס פון מחנה דקדושה.

און דער טעם הדבר איז, ווייל אויך דער חטא וואָס ברענגט צו צרעת — לשון הרע — איז זייער האַרב דערמיט וואָס ער דערפירט (בלשון הרמב״ם[33]) „לדבר באלקים וכופרין בעיקר", וואָס דורך דעם ווערט מען רח״ל אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם אויבערשטן[34].

---

30) ח״ב קסו, א.

31) ירמי׳ ב, כז.

32) רש״י עה״פ (מתו״כ שם). וראה פסחים סז, א.

32*) רש״י עה״פ (מפסחים שם. ועד״ז בתו״כ שם). וראה לקו״ש חכ״ב ע׳ 74 ובהערה 49.

33) סוף הל׳ טומאת צרעת.

34) ראה גם לקו״ש ח״ז ע׳ 101.

און דעריבער, כדי ניט צו דערלאָזן די התפשטות פון אַזאַ טומאה, איז עס דוקא דורך נרות שבת קודש — ווייל זיי האָבן אַ שטאַרקערע ווירקונג אויף גשמיות העולם, ביז אַז דוקא זיי באַוואָרענען „שלא יכשל בעץ או באבן" — אַן ענין פון ע"ז רח"ל (כנ"ל באריכה) — און דערפאַר דערלאָזן זיי ניט די טומאה פון מצורע וואָס איז פאַרבונדן מיט „לדבר באלקים וכופרין בעיקר".

יוד. לויט ווי דער טאַטע איז מבאר אין זיינע הערות, אַז דער ענין פון הדלקת הנר איז ע"ד טהרת המצורע דורכ'ן כהן (כנ"ל ס"ב), איז דאָס אויך פאַרשטאַנדיק בעניננו: דער כח פון נרות שבת קודש איז ניט נאָר אין דעם וואָס זיי זיינען מעכב די התפשטות פון טומאת המצורע, נאָר נאָכמער, זיי האָבן בכח צו מאַכן אַז די כלים בלייבן טהור (פון טומאת המצורע);

ובדוגמא שלהם — טהרה ע"י הכהן — ווערט ע"ד פון אתהפכא חשוכא לנהורא [35], „זדונות נעשות לו כזכיות" [36] — אַז פון דעם „בדד ישב וגו'" וואָס ווייזט אויף תכלית הירידה (כנ"ל ס"ט), ווערט „בדד ישב" למעליותא [37] — „הן עם לבדד ישכון גו'" [38], „בטח בדד עין יעקב גו'" [39] — וואָס איז תכלית הברכה.

און אַזוי איז אויך בהנוגע צו דעם חושך הגלות [40], ובפרט דער חושך כפול ומכופל פון דרא דעקבתא דמשיחא, אַז דורך דעם „אור" פון נרות שבת קודש וועט מען באַלייכטן דעם חושך הגלות און מבטל זיין עם און נאָך מער — מען קומט לגאולה ובנין ביהמ"ק ו„מראה לכם נרות של ציון" [41], און עס ווערט „והי' לך ה' לאור עולם" [42], ביז אַז דער חושך הגלות עצמו וועט נתהפך ווערן לאור — „ולילה כיום יאיר" [43].

* * *

יא. פון כהנ"ל איז פאַרשטאַנדיק, אַז אינעם איצטיקן זמן ווען דער חושך פון וועלט איז אַזוי גרויס און געדיכט, איז ספּעציעל וויכטיג אַז יעדע אידישע טאָכטער (אויך פון קרייזן וואו די טעכטער פלעגן ביז איצט אָנהייבן בענטשן ליכט נאָך זייער חתונה און ביז דאַן יוצא געווען מיט דער מוטערס ליכט־בענטשן), גלייך ווי הגיעה לחינוך (אַז מען קען איר מסביר זיין די באַדייטונג פון נרות שבת ויום טוב [44]), זאָל אַליין בענטשן ליכט [45].

35) ראה באריכה לקו"ש שם ע' 103 ואילך.

36) יומא פו, ב.

37) ראה רשימות הצ"צ לאיכה (אוה"ת כרך ב' ע' אילד. א'מב ואילך (ושם לענין „בדד" דמצורע)). ד"ה איכה תשל"א (בתחילתו. פ"ד ואילך) — ספר המאמרים — מלוקט ח"א ע' קיט ואילך.

38) בלק כג, ט.

39) ברכה לג, כח.

40) ראה ויק"ר ספי"ז: „בבית ארץ אחוזתכם (מצורע יד, לד) זה בהמ"ק שנאמר (יחזקאל כד, כא) הנני מחלל את מקדשי גאון עוזכם". ובפתיחתא דאכ"ר (כא): „והצרוע אשר בו הנגע וגו' (פרשתנו יג, מה). והצרוע זה בית המקדש . . וטמא טמא יקרא חורבן ראשון וחורבן שני".

41) יל"ש ר"פ בהעלותך.

42) ישעי' ס, יט.

43) תהלים קלט, יב. וראה ס' הערכים־חב"ד ח"ב ע' אור־ביחס לחושך (ע' תקצז) וש"נ. המשך תער"ב חלק ג' ע' א'שמה.

44) ראה שו"ע אדה"ז חאו"ח סשמ"ג ס"ג.

**45) להעיר – וג"ז עיקר: בבית שמאיזה סיבה שתהי' אין האם מדליקה נרות – לד"ה צריכה הבת להדליק (עכ"פ משנעשית בת מצוה), ובמילא צ"ל השתדלות בזה בכל האפשרי. באם הבנות בבתי שומרי תומ"צ שבסביבתה לא תדליקנה נרות – מובן שהצלחת השתדלות זו תהי' קשה ביותר, כנראה במוחש. ודו"ל.**

און די ליכטיקייט פון נר שבת, מיט דער ברכה וואס זי וועט מאכן אויף דעם, וועט באלייכטן איר לעבן, אז זי וועט וויסן און געדענקען (ווי זי זאגט אין דער ברכה) אז דער אויבערשטער איז דער „מלך העולם"; און עס קומט צו אין דער זיכערקייט אז בשעת זי וועט האלטן ביי חתונה האבן וועט בא איר זיין „הוי' לך לאור עולם", זי וועט אלס עקרת הבית — בויען און איינשטעלן איר הויז לויט דעם רצון הוי', על יסודי התורה והמצוה.

יב. נאך א טעם אויף נויטיקייט פון ליכט־צינדן פאר אלע בנות ישראל:

ווי דערמאנט פריער (ס"ה), איז מען דורך נר שבת זוכה צו קינדער [און איידעמס [46]] תלמידי חכמים. ובכן: אמאליקע יארן, ווען ס'איז געווען דער סדר אז די עלטערן האבן באשלאסן וועגן א שידוך פאר דער טאכטער — איז במילא אויף דער עיקר [47] דער זכות פון דער מוטער'ס נר שבת, אז איר טאכטער זאל חתונה האבן פאר א תלמיד חכם;

היינטיקע צייטן, ווען מצד פאר־שידענע סיבות איז דער בפועל — צי מ'וויל יע אדער ניט — אז ביי א שידוך פאר זיך באשליסט בעיקר די טאכטער, פאדערט זיך נאכמער אז זי אליין זאל בענטשן ליכט, און דער „נר מצוה" וואס זי וועט צינדן וועט איר געבן דעם זכות זי זאל חתונה האבן פאר א תלמיד חכם [48].

און היינטיקע צייטן — וואס אפי' אין פרומע הייזער איז מען ניט אלעמאל זיכער אז די עלטערן וועלן האבן א דעה מחלטת ביי דער טאכטער ווען זי וועט עלטער ווערן — דארף מען זיך באמיען און משתדל זיין זיך ביותר אז אזוי פרי ווי מעגליך, ד. ה. ווי נאר זי דערגרייכט דעם גיל החינוך פון הדלקת נר שבת קודש, זאל זי אנהויבן בענטשן ליכט בכל ערב שבת וערב יו"ט,

וואס דאס פארשטארקט אויך די פאר־זיכערונג פון תורה, אז מען וועט זי מגדל זיין „לתורה [49] ולחופה ולמעשים טובים" [50], און זי וועט חתונה האבן פאר א תלמיד חכם.

(משיחות ש"פ מצורע תשל"ו,
ש"פ האזינו תשל"ה)

---

46) רש"י שבת כג, ב.

47) אף שגם אז צ"ל זכות הבת שהרי אינה מתקדשת אלא לדעתה (קדושין ב, ב).

48) אף שבגמרא שם מדבר רק בהשכר דהוי בנים (וחתנים) ת"ח — מפורש בזהר * (דלעיל הערה 30) ד„נר מצוה" של האשה מביא „ותורה אור" אצל בעלה (אלא שבאם מאיזו סיבה אינו פועל על בעלה אזי פועל אצל הבנים).

ועוד: אפילו באם נאמר (אבל ראה שוה"ג הא') שלפי הש"ס השכר הוא רק בנים (וחתנים) — מכיון שהדלקת הנר של הבת (לפני בת מצוה **) היא מצד מצות החינוך שהיא מוטלת על האב, הרי השכר שייך בעיקר להאב — היינו חתנים ת"ח.

49) כן הוא הנוסח גם בהולדת בת ע"פ מכתב כ"ק אדמו"ר מהורש"ב נ"ע (ע"פ ברכות יז, א).

50) נוסח „מי שברך" להולדת בן ובת.

---

*) וראה ב"ח או"ח סתרע"א (ד"ה והזהיר) דכן הוא הפירוש בגמרא, דמ"ש בגמרא דזוכה לבנים ת"ח היינו אי הבעל לאו בר הכי. ובלבוש שם (ס"א) דבאיש השלם ידבר.

**) ולהעיר מהשקו"ט (ראה בארוכה ציונים לתורה — להר"י ענגל — כלל יב) האם נפקע חיוב חינוך לאחר בר מצוה — אלא שכאן המדובר בחיוב שעל (והשכר המסובב מזה של) **האב**, שאין זה שייך לאחר בת מצוה.

# תזריע — פ׳ החודש

א. שבת פ׳ החודש איז חל לפעמים (אזוי ווי היינטיקן יאר) בשבת פ׳ תזריע. אלע ענינים פון תורה זיינען בדיוק — איז פון דעם גופא וואס די ביידע פרשיות קומען צוזאמען, איז מוכח, אז זיי האבן צווישן זיך א נקודה משותפת (ווייל אויב ניט, וואלט תורת אמת זיי ניט מחבר געווען צוזאמען).

בהשקפה ראשונה זעט אבער אויס, אז ניט נאר האבן זיי ניט קיין נקודה משותפת, נאר, אדרבה, זיי זיינען גאר ענינים הפכיים[1], זה מזה:

פ׳ החודש ווערט אנגערופן על שם דעם פסוק[1*] „החודש הזה לכם ראש חדשים גו׳״ — חודש ניסן, וואס ענינו איז חודש הגאולה[2] ווי עס קומט אינ־גאנצן מלמעלה כדרז״ל[3] אז אויף דעם גייט קול דודי הנה זה בא (און נאכמער ער איז בא אין אן אופן פון) מדלג (דילג על הקץ[4]) (באתערותא דלעילא)[5]:

וואס דערפאר ווערט די גאנצע פרשה אנגערופן פ׳ החודש, הגם אז נאר איין פסוק (אין אנהויב) פון דער קריאה רעדט וועגן „החודש״, און די איבעריקע פסוקים ריידן וועגן די דינים פון קרבן פסח וכו׳[6] — ווייל היא הנותנת: קרבן פסח איז על שם „ופסח[7] ה׳ גו׳״[8], וואס ווייזט אויף דער גאולה וואס קומט בדילוג[9] — אינגאנצן מלמעלה — „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב״ה וגאלם״[10] — און דאס איז דער תוכן פון „החודש״, חודש ניסן, וואס איז דער „חודש הגאולה״.

משא״כ דער תוכן פון „תזריע״ (ל׳ נקבה — ווי ער זאגט פארדעם „אשה כי״) איז — ווי דער אלטער רבי איז מפרש[11] דעם מאמר[12] „איש מזריע תחלה יולדת נקבה אשה מזרעת תחלה יולדת זכר״, אז „איש״ ו„אשה״ זיינען (מרמז אויף) הקב״ה וכנסת ישראל; און

---

1) אף שג״ז שייכות היא — ועיד מ״ע ומל״ת במצות. חיבור תחתון ועליון (תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג. וראה לקו״ת (ראה כז, ד ואילך) ובכ״מ, שחיבור הנ״ל אפ״ל בב׳ אופנים, שהעליון ירד כו׳ או שהתחתון יעלה כו׳) וכהנה רבות.

1*) בא יב, ב.

2) שמו״ר פט״ו, יא (נעתק לקמן בפנים סעיף ב׳).

3) מכילתא בא יב, יא. שם, יג. פסיקתא רבתי פ׳ החודש ז׳. שהש״ר עה״פ (ב, ח).

4) פס״ר שם. שהש״ר שם (א).

5) כידוע בענין פלוגתת ר״א ור״י (ר״ה יא, רע״א) אם בתשרי עתידין ליגאל או בניסן — דאולי בזה לשיטתייהו בפלוגתתם (סנהדרין צז, ב) אם הגאולה תבוא ע״י תשובה או „לא בתשובה כו׳״ * — ד״ה החודש הזה באוה״ת בא (ע׳ רס. ע׳ רעא). תרנ״ד (קה״ת תשכ״ג) פ״ז. לקו״ש ח״א ע׳ 235. ועייג״כ ס׳ השיחות תש״ג ע׳ 177. ועוד.

6) ובפרש״י מגילה (כט, א ד״ה ברביעית) משמע, שטעם קריאת פ׳ החודש הוא (רק) מפני דיני פסח שבה.

7) בא שם, כג.

8) פרש״י בא שם, יא. וראה בא שם, כז.

9) ד„קרוי פסח על שם הדלוג כו׳״ — פרש״י בא הנ״ל. ועד״ז בפרש״י שם, יג.

10) נוסח ההגדה. וראה לקו״ת שה״ש טו, א־ב. דרושי פסח בכ״מ.

11) לקו״ת פרשתנו ד״ה שוש תשיש. ויקרא ד״ה אדם כי יקריב ספ״א. שה״ש ד״ה להבין ענין הטעם כו׳ פ״א. ועוד.

12) ברכות ס, א. וש״נ (הובא בפרש״י עה״ת ויגש מו, טו).

---

*) ובאו״א קצת (אבל רק לגירסת הבבלי): אם ע״י תשובת בנ״י מעצמם או „הקב״ה מעמיד להן מלך כו׳ וישראל עושין תשובה״ (ראה ד״ה החודש תרנ״ד שם. לקו״ש ח״ד ע׳ 1292־3. ח״ב ע׳ 143).